**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 42 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין קליינע און מיטלמעסיגע קאפיטאל פראיעקטן פאר קונסטווערק און קולטור ארגאניזאציעס**

***גרעסטע קאפיטאל צוטיילונג אנאנס אין ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף קונסטווערק היסטאריע***

***ארגאניזאציעס וועלכע באקומען גרענטס זענען פארשפרייט איבער אלע 10 ראיאנען פון ניו יארק סטעיט, מיט די מערהייט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי***

***57 פראצענט צוגעטיילט פאר ארגאניזאציעס מיט בודזשעטס פון 1 מיליאן דאלאר אדער ווייניגער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז איבער 42 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן דורך די ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף קונסטווערק פאר 144 קליינע און מיטלמעסיגע קאפיטאל פראיעקטן. די רעקארד-הויכע אינוועסטירונג אין קונסטווערק און קולטור ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט שטיצט קריטישע געביידע רענאוואציעס, צוגענגליכקייט פארבעסערונגען און נייע פלעצער פאר שעפערישע ארבעט.

"פארשטערקערן אונזער שעפערישע אינדוסטריע פארמערט טוריזם, פארשטערקערט אונזער עקאנאמיע און באררייכערט די רייכע ירושה און קולטורישע לעבן פון ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די רעקארדישע גרענטס וועלן שטיצן א ברייטןגרייך פון פארשידענע סארטן און וועגווייזיגע פראיעקטן ביי אונדזערע קונסט און קולטור ארגאניזאציעס איבער דער סטעיט, צו העלפן פארזיכערן אז אלע וואס באזוכן וועלן ווייטער הנאה האבן אויף לאנגע יארן."

א סך הכל פון $42,332,000 זענען צוגעטיילט געווארן פאר 144 קליינע און מיטלמעסיגע פראיעקטן, 57% פון יענע גרענטס זענען צוגעטיילט געווארן פאר ארגאניזאציעס מיט יערלעכע בודזשעטס פון 1 מיליאן דאלאר אדער ווייניגער. די החלטות פון די פראיעקטן פריאריטיזירן צוגענגלעכקייט, קונסט, קולטורעלע אנטוויקלונגען, אויסהאלטעוודיגקייט, געזונט און פארזיכערונג, און סטרוקטורעלע און היסטארישע פארבעסערונגען.

גרויסע קאפיטאל פראיעקטצוטיילונגען פאר FY2023 וועלן ווערן אנאנסירט אין די קומענדיגע וואכן.

**גרענט באקומער רעכענען אריין:**

**Torn Space Theater, Buffalo: פארענדיגן א קאמפוס-ברייטע רענאוואציע**

- דער פראיעקט וועט פארענדיגן א קאמפוס פיקסירונג און איז כולל צוריקגעווינענע אפענע פלאץ, וואס וועט טראנספארמירן דאס ארט צו א מולטי-באניץ פלאץ מיט מער צוגענגלעכקייט פאר קונסטלער און צוהערערשאפט.

**Aperture Foundation, NYC: צוויי-שטאקיגע אינעווייניג און אינדערויסנדיגע רענאוואציע**

- NYSCA פינאצירונגען וועלן שטיצן די רענאוואציע פון דעם פונדאציעס מערקפונקט היסטארישן בנין, וואס איז כולל די שאפונג פון א ריטעיל בוך געשעפט, א פובליק פראיעקט צימער פאר קונסטלער געשפרעכן און אויסשטעלונגען, אן אריינגאנג לאבי, ארט פאר אפענע אפיסעס, פריוואטע אפיסעס און מיטינג רומס, ווי אויך א קיך, באדעצימערן, און סטארעדזש ארט.

**Albany County Historical Association, Albany: *בילדונג און געסט צענטער קאנסרוקציע***

- דער פראיעקט וועט שאפן א בילדונג און געסט צענטער אין א צענטראלע, גוגענגלעכע לאקאציע אויף דע 4-אקערדיגע גערטנער פונעם טען בראוק פריצ'ישן הויז, איבערגעמאכט געווארן אין דעם פארעם פון דעם טען בראוק-אלקאט קאראטע שייער.

**Hallockville Museum, Long Island: אדאפטירטע איבערניץ פון נאוגעלס שייער פאר גאנץ-יעריגע פראגראמונג**

- NYSCA פינאנצירונג וועט שטיצן דעם צופאסיגן איבערניץ פון דם מוזייס נאוגעלס שייער וואס וועט סטאביליזירן דעם סטרוקטור און שאפן א קאמיוניטי-צענטראלע לאקאציע פאר אנגייענדיגע קלאסן, קעמפס און פאסירונגען.

קליקט דא פאר א גאנצע ליסטע פון גרענטיס.

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק עקזעקיוטיוו דירעקטארין, מארא מאנוס, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר צו קענען צושטעלן דאס פיפטע יאר פון מערקווערדיגע קאפיטל פינאנצירונג מיט דער שטיצע פון גאווערנער האקולגאווערנער האקול און דער ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור. די פראיעקטן באשטעטיגן די עיקר'דיגע ראלע וואס קונסט און קולטור שפילן אין אונדזער סטעיטס עקאנאמישע בליאונג. די קריטישע אינוועסטירונג אין אונדזער צוקונפדיגע געזונט און חיות וועט אונדז געבן אמת'ע און רעמאסטענע באלוין צו קאמיוניטיס איבער דער סטעיט. א הארציגן מזל-טוב פאר די באקומערס פון דער קריטישער פינאנצירונג, די פובליק פראיעקטן וועלן בענעפיטן ניו יארקער און באזוכערס גאר שטארק אויפן גאנצן לעבן."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון די קונסטן פארזיצערין קאטארין ניקאלס האט געזאגט,** "אין נאמען פון NYSCA שטאב מיטגלידער, דעם קאונסיל און אונזער קונסט און קולטור קאמיוניטי, וויל איך באדאנקען גאווערנער האקול און אונזערע סטעיט לעגיסלאטארן פאר זייער אומוואקלדיגע איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק׳ס קונסט און קולטורעלע ארגאניזאציעס איבער אונדזער סטעיט. געבן אונדזערע קונסט און קולטורע ארגאניזאציעס מיינט וייטער צו וואקסן און באררייכערן זייערע קאמיוניטיס באשאפט א געזונטערער און שטארקער צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר הוזעי סעראנא האט געזאגט,** "אונדזער קונסט און קולטור ארגאניזאציעס זענען העכסט וויכטיג פאר דער סטרוקטור פון אונדזערע לאקאלע קאמיוניטיס.  דורך פארמערן די אויסהאלטעוודיגקייט פון די קולטורעלע ארגאניזאציע, פארזיכרן זייער צוגענגלעכקייין פאר דורות. איך בין אויך צופרידן אז מיר שטיצן די פראיעקטן פאר ביידער ניו יארקער און די באזוכער פון דער גארער וועלט."

**אסעמבלי-מיטגליד דניאל או'דאנעל האט געזאגט,** "קאפיטל פראיעקטן פאר קונסט און קולטור א געווינס פאר אלע, איינוואוינער און באזוכער אייניג. זיי פראדוצירן ארבעט, טוריזם, עדיוקעישן און מאכן פלאץ און קאמיוני אויפבוי. איך בין שטארק נתפעל אז די קונסט און קולטור ארגאניזאציעס איבער דער סטעיט וועלן זיין גרייט צו מאכן וואקסן און בליען סון דער אינוועסטירונג."

זינט 20018 , האט NYSCA אויסגעטיילט 302 קאפיטאל גרענטס, אין סה״כ פון 92 מיליאן דאלער, איבער אלע 10 סטעיט ראיאנען דורך די שטיצע פון דעם גאווערנער און לעגיסלאטור. די פראיעקטן העכערן באשעפטיגונג קאפאציטעט און פירן אויף פאראויס קולטורעלע צוזאמקונפט ערטער אלס טוריסט דעסטינאציעס, פארשטערקערן ניו יארק׳ס גאסטגעבער, עסן און טרונקען, און ריטעיל סעקטארן.

אין צוגאב צו דעם קאפיטאל פראיעקטן פאָנד, וועט NYSCA צוטיילן 90 מיליאן דאלער אין נישט-קאפיטאל גרענטס צו קונסט ארגאניזאציעס און קונסטלער פאר FY2023.

**וועגן דער ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק**

די קאונסיל פאר קונסטווערק היט אויף – און רוקט פאראויס – די קונסטווערק און די קולטור וועלכע מאכן ניו יארק סטעיט אן אויסערגעווענטליך גוטע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן. דער קאונסיל האלט אויף די רעכטן פון אלע ניו יארקער צו געניסן פון די גאר וויכטיגע ביישטייערונגען וואס קונסט גיבט פאר אונזערע קאמיוניטיס, בילדונג, עקאנאמישע אנטוויקלונג, און לעבנס-קוואליטעט. צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון קונסט איבער ניו יארק סטעיט, וועט דער קאונסיל אויף קונסטווערק צוטיילן רעקארדישע פינאנצירונג אין FY2023 , צושטעלנדיג שטיצע פאר די גאנצע ברייטפארנעמיגקייט פון קונסט, אריינגערעכנט געווידמעטע שטיצע פאר קונסט בילדונג און אונטערפארטרעטענע קאמיוניטיס.

די קאונסיל פאר קונסטווערק טוט ווייטער פאראויס שטופן ניו יארק'ס שעפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער. געעפנט דורך גאווערנאר נעלסאן ראקעפעלער אין 1960 און יעצט מיט די שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאונסיל אן אגענטור וועלכע איז טייל פון די עקזעקיוטיוו ברענטש פון די רעגירונג. פאר מער אינפארמאציע וועגן NYSCA, ביטע באזוכט http://www.arts.ny.gov, און פארשרייבט אייך אים NYSCA פייסבוק בלאט, טוויטער NYSCArts@ און אינסטאגראם NYSCouncilontheArts@.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן